# אַ פּראָסטע גאַס

ס׳איז אַ פּראָסטע גאַס. האַרטע, נישט־געבענטשטע רו.
כ׳האָב זיך צו דעם צוגעוווינט ווי צו אַ פרעמדער שפּראַך.

איז אַ יעדעם הויז און יעדער שטיין דאָ ווי נישט וואָר.
איז דער אמת ערגעץ אַנדערשוו און דאָס — בלויז
אויסגעטראַכט.

מענטשן, שכנים וווינען דאָ און שמייכלען ווי צופרידן.
טראָגן אום אין זיך אַ זיכערקייט, וואָס לייב געפינט
אין וואַל.

גויים, גויים וווינען דאָ און יידן —
יידן, וואָס דערציילן זיך מעשיות פון אַמאָל.

לעבט מיין יידע ווי אַ שטילער אבל אין זיין שטוב
און באַהאַלט אין זיך אַן אמת וואָס טוט לאַנג שוין וויי.

באַלד באַגינען נאָך פאַרבויגט ער שוין זיין מידן קאָפּ
איינגעהילט אין טרויער ווי אַ ווינטער־בוים אין שניי.



מענטשן, שכנים וווינען דאָ און שמייכלען ווי צופרידן.
מענטשן זיכערע אין זיך. נישט טרויעריק צומאָל.

גויים, גויים וווינען דאָ און יידן —
יידן, וואָס דערציילן זיך מעשיות פון אַמאָל.

בין איך נישט דער איינציקער ווי ס׳יאָגט
תמיד פון מיר אַזאַ ווינטערדיקע קעלט.

כ׳קום אַריין צו אים ווען נאָך אַ טומלדיקן טאָג
צוזאַמען אונטערשווייגן צו דער דרויסנדיקער וועלט.

מענטשן, שכנים וווינען דאָ און שמייכלען ווי צופרידן.
ס׳עפנט נישט קיין איינער אונזער טיר צומאָל.

גויים, גויים וווינען דאָ און יידן —
יידן, וואָס דערציילן זיך מעשיות פון אַמאָל.